# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וישלח, ט"ז כסליו, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 11 (581)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:10
מוצאי שב"ק.................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ירמיה ל"ד-ל"ה
בבלי.........................נדרים מ"ו
ירושלמי...................ברכות כ"ז
תוספתא....................יבמות ח'
רמב"ם..............מלוה ולוה ב'

## אַ וָואוֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ**, יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עז, א): **"מָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כָּתוּב בּוֹ וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ, אַף יַעֲקֹב וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ"**, אַזוֹי וִוי בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ב, יז) **וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְצִיג אוּן אַלֵיין, דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דָאס שַׁיְיכוּת אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר אֵיינְצִיג אוּן אַלֵיין, אוּן אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין בַּיים אַנְדֶערְן זַייט פוּן וַואסֶער, אוּן הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁלָאגְן מִיטְ'ן מַלְאָךְ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): **מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים**, וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז אַ לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אַלֶעמָאל נָאר גוּט, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר'; אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלַן; דֶער וָואס לֶעבְּט אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט 'מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע בִּלְבּוּלִים, מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט אִיז פֶּערְצוּפַאל גֶעשֶׁען', הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אֲפִילוּ דֶער דָאקְטֶער שְׁטֶעכְט אִים אָדֶער שְׁנַיידְט אִים, דַאנְקְט עֶר דֶעם דָאקְטֶער, אוּן שִׁיקְט אִים אֲפִילוּ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב, אֵיי עֶר הָאט דִיךְ גֶעשְׁטָאכְן? וֵוייס אִיךְ אָבֶּער אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מַיין גוּטְס, דֶער דָאקְטֶער הֵיילְט מִיר, אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעְן דָאס נָאכְנִישְׁט, וֶוערְן טַאקֶע בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן דָאקְטֶער אוּן זֵיי שְׁרֵייעְן: "שְׁלֶעכְטֶער דָאקְטֶער, שְׁלֶעכְטֶע טַאטֶע מַאמֶע, מֶען שְׁטֶעכְט מִיר..." דָאס אִיז אַ שְׁטִיקְל מָשָׁל צוּ פַארְשְׁטֵיין; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט יִסּוּרִים קֶען עֶר עֶס גְרִינְג דוּרְכְטְרָאגְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי יִסּוּרִים? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין מִקְרֶה, עֶס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה.'

דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזְרְ'ן וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט דָאס זֵייעֶר שְׁנֶעל, מֶענְטְשְׁן בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ: 'וֶועגְן מִיר', 'וֶועגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל', 'וַוייל אִיךְ טוֹיג נִישְׁט', 'וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט', 'וֶועגְן מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, מַאן, וַוייבּ, מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים', מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶעס נָאר וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַלְץ מֶער אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זִיךְ דְרֵייעְן אַרוּם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם ה', "בָּרוּךְ ה'", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר "וָואס טוּט זִיךְ?" דֶערְמַאן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען: "בָּרוּךְ ה'"; "וָואס אִיז דַיין פְלַאן, דוּ קוּמְסְט צוּ דִי שִׂמְחָה?" עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", אוּן דֶערְצֵייל פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע פְּרַט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ יִסּוּרִים, אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הֶעלְף מִיר"**, אַ בָּחוּר וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט, הֶעלְף מִיר גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ"**, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיף פַּרְנָסָה, שְׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן מִיט שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ (זֹאת הַתּוֹרָה, וַיִּשְׁלַח, סִימָן ד) אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּשַׁט, 'וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ', יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס דֶעם אַנְדֶערְן זַייט יַרְדֵּן זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְ'ן שַׂר פוּן עֵשָׂיו, וִוי אַזוֹי הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַלֵיינְס שְׁלָאגְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶער מַלְאָךְ? פַארֶענְטְפֶערְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ: **'וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ'**, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר', קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט בַּייקוּמֶען. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיִּשְׁלַח תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. אוּן דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִּים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי דִי אוּרִים וְתוּמִים. אִין דִי צַייט פוּן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט אַ סָפֵק - אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי סָפֵק אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען אוֹתִיּוֹת אוֹיפְ'ן חוֹשֶׁן; אַזוֹי הָאט מֶען גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים - הָאבְּן מִיר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דִי סָפֵק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, בַּאוַוייז זִיךְ צוּ מִיר, וַוייז מִיר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן" - דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ" אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, "שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ" וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג, "וְלֹא נָבִיא" אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָבִיא, "לֹא כֹהֵן" מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּהֵן, "וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים" אוּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד" מִיר הָאבְּן נָאר תְּפִילָּה, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם'", אוֹיף אוּנְז בֶּעט דָוִד הַמֶּלֶךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ג)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת, נִישְׁט מִיט סְטְרַאשֶׁען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה' גֶעוֶוען צוּ זַיין שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. גְלֵייבּ מִיר, דָאס וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וואוּ עֶס קוּמְעֶן זִיךְ צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לוֹינְט צוּ קוּמֶען פוּן יֶענֶע עֶק וֶועלְט אַרַיין צוּ שְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ מִיט צוּ הַאלְטְן דִי דִיבּוּרִים - דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט שַׁבָּת. יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע חִיזוּק, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער - כַּמַּיִם קָרִים, אַזוֹי וִוי קַאלְט וַואסֶער פַאר אַן אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶער. סַיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאוֶוענֶען, נָאכְן דַאוֶוענֶען, שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל, וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען. מֶען זֶעט אִין דִי פַּרְשָׁה, רָחֵל הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית ל, א): "הָבָה לִּי בָנִים" גֶעבּ מִיר אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער, "וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי" אַז נִישְׁט - בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע, שְׁטֵייט (שָׁם, ב): "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל" יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל. זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, פַארְוָואס הָאט זִיךְ יַעֲקֹב גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף רָחֵל? וָואס הָאט רָחֵל דָא שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן? וָואס דֶען דַארְף אַ פְרוֹי טוּן וֶוען זִי זֶעט אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, נָאר גֵיין בֶּעטְן פוּן אַ צַדִּיק אַ בְּרָכָה, אוּן דָאס הָאט זִי דָאךְ גֶעטוּן! זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, זִי הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן מִיטְן בֶּעטְן 'הָבָה לִּי בָנִים' גֶעבּ מִיר אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, אָבֶּער 'וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי' אַז נִישְׁט בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע - דָאס זָאגְט מֶען נִישְׁט; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִּיק - בֶּעט מֶען וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער נִישְׁטָא קֵיין סְטְרַאשֶׁען, נִישְׁטָא קֵיין 'אוֹיבּ נִישְׁט'.

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן דִי פָארִיגֶע וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט יִצְחָק אָבִינוּ'ס תְּפִילּוֹת, וַוייל אֵינוֹ דּוֹמֶה תְּפִלַּת צַדִּיק בֶּן צַדִּיק לִתְפִלַּת צַדִּיק בֶּן רָשָׁע; לִכְאוֹרָה דַארְף וֶוען זַיין פַארְקֶערְט, רִבְקָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי טְרֵיפָה'נֶע שְׁטוּבּ פוּן בְּתוּאֵל אוּן לָבָן, זִי אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִּיק, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע אֵיידֶלְקֵייט, דַארְף מֶען אִיר דָאךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר גֶעבְּן וָואס זִי בֶּעט! דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, טַאקֶע וֶועגְן דִי קֻשְׁיָא הָאט מֶען נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט אִירֶע תְּפִילּוֹת, וַוייל תְּפִלָּה דַארְף צוּגֵיין בְּאוֹפֶן מַתְּנַת חִנָּם, תְּפִלָּה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר אַן אוּמְזִיסְטֶע מַתָּנָה**".

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצז): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'" אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז טוּן מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל. "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רַבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט מֶען צוּגֶעהֶערְט יִצְחָק'ס תְּפִילּוֹת. וַוייל רִבְקָה, וֶוען זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ תְּפִלָּה וָואס קוּמְט מִיר, 'אִיךְ בִּין אַ צַדֶּקֶת בֶּן רָשָׁע, קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלְץ גֶעטוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף אִיךְ אַ קִינְד'; אַזוֹי בֶּעט מֶען נִישְׁט. ווִידֶערְאוּם יִצְחָק אָבִינוּ, אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ - הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן אַז עֶס קוּמְט אִים, עֶר בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ קִינְד". מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן; אִיךְ ווֶעל דִיר דָאס שְׁרַייבְּן אִין אַ צְווֵייטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט.

בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס. (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) וִוי דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט בַּיי דִי חֲתוּנָה בַּיי דִי בֶּעטְלֶערְס,

הַמְשֵׁךְ אוֹיף עַמּוּד ד <<<<<

<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

לֶעבְּן?! דוּ ווֵייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוּישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חַזָּן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעפּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט דַיין פְּשׁוּטֶע תְּפִלָּה?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל, אוּן עֶר קֶען בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. תְּפִלָּה אִיז וִוי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הַאקְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מִיר לֵאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן מִיר זֶענֶען ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַאן קֶענֶען מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער, שְׁנֶעלֶער אוּן גְרִינְגֶער פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס.

בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רַבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זִי"ע הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "דֶער 'שָׂרָף' פוּן סְטְרֶעלִיסְק", וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְלַאם פַייעֶר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען אוּן פַייעֶר. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גוֹי'אִישֶׁער פְּרִיץ אוּן גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶוענֶען, דֶער פְּרִיץ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער פְּרִיץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ קְלֶער אַז אוֹיבּ זֶענְט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת נָאךְ אַזַא דַאוֶוענֶען, וֶועט אִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן פַייעֶר אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם מָשִׁיחַ'ן, וֶוער דֶען וֶועט קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן דִי יְשׁוּעָה?

הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין גָארְטְן גָאר אַ גְרוֹיסְן אוּן דִיקְן בּוֹים, מַמָּשׁ אֵיינְס אִין דִי וֶועלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים אוּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן אוּן גָארְטֶענְס, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹים, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, וֶועט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע בַּאלוֹינוּנְג פוּנֶעם קֶענִיג.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים אוּן שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אִיבֶּער'ן גַאנְצְן לַאנְד, טֶעג אוּן נֶעכְט הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט אוּן פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, עֶס אִיז זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער בּוֹים אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס אוּן דִיק אַז אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען.

נָאכְ'ן אַרְבֶּעטְן טֶעג אוּן וָואכְן אוֹיפְ'ן בּוֹים אָן קֵיין שׁוּם עֶרְפָאלְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהוֹיבְּן הֶענְט, אוּן גֶעזָאגְט פַאר'ן קֶענִיג אַז דֶער בּוֹים קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן. אוּן דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶער בָּחוּר'ל אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים...

אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט וְואוּנְדֶער: "אוֹיבּ דִי גְרוֹיסֶע פֶּעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ, אַ אִינְגֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר'ל, עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן?"

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, אוּן מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, הָאט זִיךְ דֶער בּוֹים אוּנְטֶער גֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן...

דֶער קֶענִיג מִיט דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה. דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. "אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז אִין דִי טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן בּוֹים, אִיז שׁוֹין דֶער בּוֹים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן, אוּן

<<<<<

יֶעצְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל הַאקְן, קֶען מֶען עֶס גְרִינְג אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ מִיט אַ הַאמֶער, נָאר דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעהוֹיבְּן הֶענְט אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען".

"דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין גָלוּת" - הָאט דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַארְ'ן פָּרִיץ - "מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט, גֶעבְּט עֶר נָאךְ אַ הַאק אוֹיפְ'ן בּוֹים. דִי גִיבּוֹרִים - דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים - גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט דֶעם כֹּחַ אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן דֶעם בּוֹים, זֵיי שְׁוַואכְן עֶס אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער דוֹר וֶוען מָשִׁיחַ דַארְף שׁוֹין צוּ קוּמֶען, דַאן וֶועלְן אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶע אִידְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע יָארְן. זֵיי וֶועלְן נָאר זִיךְ דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נִישְׁט הוֹיבְּן דִי הֶענְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה".

אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן וָואס הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן (כּוֹכְבֵי אוֹר, מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים) וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן אִין דִי צַייט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן הַיינְט יָא זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל צוּ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בַּאפֶעסְטִיגְט, אוּן וִויפִיל שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְגְט זֵיי אַיינְצוּנֶעמֶען, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּפַאלְן. בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלְטֶע אוּן שְׁוַואכֶע לַייט מִיט פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס יָא אַיינְגֶענוּמֶען. וַוייל נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דֶעם מוֹיעֶר, אַז מִיט אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי שְׁוואכֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאזִיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַיינְנֶעמֶען אוּן בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט פַאר אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִיזוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט, גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶס הָאט זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְנֶענְטֶערְט דִי יְשׁוּעָה, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין יְשׁוּעָה שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן דֶעם מוֹיעֶר אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹים, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אשׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ גִּלּוּי אֵלִיָּהוּ, גִּיבּוֹר, רְפוּאָה)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי לֶערְן אִיךְ בַּיי 'אָבוֹת וּבָנִים', וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין גְמָרָא?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מֶער מִיט דִי קִינְדֶער אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מֶער צַייט אִין מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, עֶס אִיז דָא 'אָבוֹת וּבָנִים' בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִיךְ זִיץ מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ קֶען אָבֶער נִישְׁט קַיין גְמָרָא, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס זֵיי רֶעדְן. זָאל אִיךְ פָּשׁוּט זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי? אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי פַארְהֶערְן נָאר חוּמָשׁ רַשִׁ"י וָואס דָאס קֶען אִיךְ יָא בָּרוּךְ ה'?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ פִיר אִינְגְלֶעךְ, יֶעדֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע עֶלְטֶער, וִויפִיל צַייט זָאל אִיךְ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן פוּן זֵיי בַּיי אָבוֹת וּבָנִים?

אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק אַבִּיסְל צַייט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִיבֶּערְגֵיין מִיט זֵיי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן.

אַ טַאטֶע וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אַוֶועק פַאר זַיינֶע קִינְדֶער לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין שָׁעָה אַ וָואךְ זִיךְ צוּ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן, וָואס זֵיי לֶערְנֶען וְכוּ' אוּן שְׁמוּעֶסְט אַבִּיסְל מִיט זֵיי וְכוּ', דֶער וֶועט זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס וָואס דוּ זָאגְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קַיין גְמָרָא וְכוּ'; קוֹדֶם כָּל הַיינְט אִיז דָא גְמָרוֹת מִיט טַייטְשׁ אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן קֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין מֶער וֵוייניגֶער פוּן וָואס דִי גְמָרָא רֶעדְט זִיךְ. צְוֵוייטְנְס דַארְפְּסְטוּ וִויסְן, אַז דֶער עִיקָר פוּן 'אָבוֹת וּבָנִים' אִיז נִישְׁט אַז מֶען זָאל דֶעמָאלְט פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, נָאר דֶער צִיל פוּן 'אָבוֹת וּבָנִים' אִיז צוּ מַאכְן אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן טַאטֶע אוּן קִינְד. אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז דֶער טַאטֶע פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס עֶר זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט מֶען גֶעמַאכְט 'אָבוֹת וּבָנִים', אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאל יֶעדֶע טַאטֶע זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אִין בֵּית מֶדְרָשׁ מִיט זַיינֶע אִינְגְלֶעךְ, דֶער טַאטֶע זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי טוּעֶן אִין חֵדֶר וְכוּ'.

אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער הֵייבְּט מֶען אָן פוּן דִי יוּנְגֶערֶע, וַוייל זֵיי דַארְפְן דָאס מֶער אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט יֶעדְן קִינְד אַבִּיסְל וְכוּ'; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין אוֹיסְנַאם פוּן אֵיין קִינְד מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת י:): "לְעוֹלָם אַל יְשַׁנֶּה אָדָם בְּנוֹ בֵּין הַבָּנִים", נָאר מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן אֵיינִיג אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מֶער וְכוּ', דַארְף מֶען אִים מֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ'. דֶער עִיקָר פוּן 'אָבוֹת וּבָנִים' אִיז אַז דֶער טַאטֶע זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי טוּעֶן אַ גַאנְצֶע וָואךְ וְכוּ' אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ', מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט פַארְהֶערְן.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק אַ שָׁעָה יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי 'אָבוֹת וּבָנִים' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס זֵייעֶר טַאטֶע רֶעדְט צוּ זֵיי, בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; זֵיי אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צוּ דֶער טַאטֶע אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם אָדֶער אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס זֵייעֶר טַאטֶע יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט זֵיי.

גֵיי אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן לָאז דִיר אַרָאפּ צוּ זֵיי, וֶועסְטוּ שֶׁעפְּן פוּן זֵיי נַחַת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב' סִימָן ב): "סְגֻלָּה לַבָּנִים לְהַקְטִין עַצְמוֹ", אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אִיז זִיךְ צוּ הַאלְטְן קְלֵיין; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, מֶען פַארְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ וָואס זֵיי טוּעֶן - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ מִיט זֵיי.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, ווָאוֹיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשע"ח)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< בריוו פון ראש ישיבה

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען וִויל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, מֶען וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת - דַארְף מֶען הָאבְּן דִי בְּלִינְדֶע בֶּעטְלֶער; נִישְׁט קוּקְן אוּן זוּכְן אִין דִי וַוייבּ חֶסְרוֹנוֹת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶען, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּדֶּמֶת" עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גִּדֶּמֶת, אַ פְּרוֹי אָן הֶענְט, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּיז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַז זִי אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרוֹי אָן הֶענְט, אוּן דִי גְמָרָא פִּירְט אוֹיס: "כַּמָּה צָנוּעַ אִישׁ זֶה" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמוּזְט זַיין זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין וַוייבּ.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש - מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמַאטֶע אַרוּמְגֶעבִּינְדְן אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶס פֶּעלְט אִיר הֶענְט, נָאר עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט זוּכְן וִוי עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר אוּן וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעטוּן גֶעוָוארְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וְכַדוֹמֶה, נָאר זַיין דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. אוּן אַז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵגָה, מֶען זֶעט נָאךְ יָא חֶסְרוֹנוֹת, זָאל מֶען בֶּענְקֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת עֵינַיִם, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן, נָאר זֶען גוּטְס אִין מִיר, אִין מַיין וַוייבּ אוּן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה נִישְׁט צוּ זֶען וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט? וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דָאס גוּטְס?" אוּן וֶוען דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ, אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַ מַתָּנָה גְּמוּרָה דְּרָשָׁה גֶעשַׁאנְק", וַוייל דוּרְךְ בֶּעטְן אוּן בֶּענְקֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם. אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א
מנהל מוסדות היכל הקודש
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למז"ט**

***

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **נחמן יואל** הי"ו עב"ג בת מו"ה **יצחק אביש** הי"ו

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** הי"ו
מגבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים
**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער למז"ט עב"ג**
בת מו"ה **מרדכי גרומאן** הי"ו

***

מו"ה **נפתלי יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

החתן **שמואל סאבאוויטש** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **יוסף יצחק צוקער** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **ישראל מאיר קראסניאנסקי** הי"ו - החתן **זלמן וויזל** הי"ו - החתן **יעקב ארי' רובין** הי"ו - החתן **נפתלי גאלד** הי"ו - החתן **משה וויינבערגער** הי"ו - החתן **נחמן שיף** הי"ו
**צו זייער שמחת החתונה למזל טוב**

***

מו"ה **אלי' מזרחי** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שיינער שבת קודש מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת ויצא האבן די איינוואוינער אין קרית ברסלב ליבערטי, מיט נאך פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן אויף שבת, געהאט די זכי' מיטצוהאלטן גאר א שיינעם שבת קודש אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

די תפלות און דרשות זענען פארגעקומען אינעם גרויסן בית המדרש אויף האשקי, פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א געפירט א באטע ביי זיך אינדערהיים, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אידן פון איבער די שטאט, און מען האט גערעדט גאר שיינע התחזקות און עצות פון הייליגן רבי'ן. שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית פאר'ן עמוד מיט גרויס ווארעמקייט, און נאכ'ן דאווענען איז געווען דער קידוש און דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט אינעם הייליגן ספר סיפורי מעשיות, און ארויסגענומען שיינע עצות והדרכות פאר'ן לעבן ברוחניות ובגשמיות, און אויך ביי שלש סעודות איז געווען גאר שיינע און וואמערע דברות קודש, מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן.

אינעם טעגליכן בריוו די וואך זונטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א אפגעשריבן אביסל אויפ'ן שפיץ גאפל עטליכע זאכן וואס מען האט גערעדט במשך דעם שיינעם שבת, ווי איר קענט ליינען די וואך אינעם גליון,ביים אפטיילונג "א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א".

**השבת נועם הנשמות!**

***

# סדר הדלקת נר חנוכה איבערגעדרוקט

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פרייליכע נייעס אז דער הערליכער "סדר הדלקת נר חנוכה" איז נארוואס איבערגעדרוקט געווארן, און איז שוין ווידער דא צו באקומען דא אויפן וועבסייט פארן ביליגן פרייז פון בלויז **$2.99**.

אנשי שלומינו ווארטן שטארק ארויס אויף דעם הערליכען "סדר הדלקת נר חנוכה" וואס באשטייט פון דעם נוסח הדלקת נר חנוכה מיט אלע מזמורים פיוטים און מנהגים ווי מוהרא"ש האט איינגעפירט, באגלייט מיט שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער מלוקט פון פילע ספרים איבער די גרויסע צייט וואס עס טוט זיך אפ אין אלע וועלטן ווען א איד צינדט די הייליגע חנוכה ליכט, און דער גרויסער עת רצון וואס מ'קען דאן פועל'ן גאר גרויסע זאכן.

אזוי אויך אנטהאלט עס פילע גאר ווארימע תפילות אויף פארשידענע ענינים ווי אויף קינדער, נחת פון די קינדער, שידוכים, פרנסה, וואס מוהרא"ש האט געשריבן ספעציעל צו זאגן חנוכה ווען די הייליגע ליכטעלעך ברענען. די תפילות עפענען אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, און פועלן גאר גרויסע ישועות.

דער "סדר הדלקת נר חנוכה" ווערט יאר יערליך צוכאפט ביי אנשי שלומינו, און איז שוין איבערגעדרוקט געווארן פילע מאל, אבער לעצטנס איז עס איבערגעדרוקט געווארן פון פריש, און איבערגעארבעט געווארן מיט שיינע גרויסע געשמאקע אותיות מאירת עינים, וואס וועט זיין א תענוג רוחני פאר אלע וואס קויפן דאס איין.

**בימים ההם בזמן הזה!**

***

# נייעס פון "קול ברסלב"

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך ארבעט מען יעצט איבער פון פריש די טעלעפאן ליניעס פון "קול ברסלב" און "קוואל פון חיזוק" אין א נייע געשמאקע סיסטעם. און מיר ארבעטן אריבערצופירן אלע לאקאלע נומערן צום נייעם סיסטעם.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זענען שוין אריבערגעפירט געווארן די לאקאלע נומערן פון קאנאדא, בעלגיע, און ארגענטינא, זעט די נומערן יעדע וואך אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון, און מיר ארבעטן שווער אריבערצופירן אויך אלע איבריגע נומערן. מיר ווענדן זיך צו אנשי שלומינו און אלע צוהערער פון די טעלעפאן ליניעס, אז מען זאל מתפלל זיין און בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל ווערן מסודר שנעל און גרינג צו די צופרידנהייט פון די צענדליגע טויזנטער אידן וואס רופן אריין טאג טעגליך זיך מחזק צו זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און צו הנאה האבן פון די פילע הערליכע אפטיילונגען אויף די ליניעס.

דערווייל קען מען רופן די צייטווייליגע נומערן ווי פאלגנד: "קול ברסלב" קען מען רופן אין אמעריקע אויפ'ן נומער **845-299-2224** און אין ארץ ישראל **0723701948**. פאר "קוואל פון חיזוק" רופט אין אמעריקע **718-705-5382** און אין ארץ ישראל **0723701916**.

**שמעו ותחי נפשכם!**

## נייע אלבום "תתחדש"

**שיינע אינטערוויו מיט ר' הערשל ראזענבערג הי"ו איבער זיין נייעם אלבום "תתחדש", מיט אינטערעסאנטע דעטאלן הונטער די קוליסן**

**קול ברסלב צייטווייליגע נומער**

**845-299-2224**

**1, 4, 2, 304**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**